# אַ לעקטשורער און זיין ווייב

ווען דער לעקטשורער ירוחם איז געקומען אין דעם שטעטל ט. האַלטען אַ לעקטשור, איז ער באַגעגענט געוואָרען פון אַ קאָמיטע פון דריי. צוויי האָבען אים גענומען אונטער׳ן אָרעם. דער דריטער איז נאָכגעגאַנגען פון הינטען, און מען האָט אים אַריינגעפירט צום טשערמאַן פון דער אַרענדזשמענט קאָמיטע, מר. בליק.

מרס. בליק, אַ יונגע שיינע פרוי, מיט רויטע בעקעלעך, האָט ברייט געעפענט די טיר, אים דערלאַנגט אַ וואַרימע האַנט, און אים געזאָגט, אַז זי און איר מאַן פילען זיך גליקליך וואָס זיי האָבען דאָס גליק און פאַרגעניגען צו האָבען ביי זיך אין הויז אַזאַ חשוב׳ען גאַסט. זי האָט דערציילט, אַז איר מאַן איז איצט אין דעם זאַל, וואו דער לעקטשור וועט פאַרקומען און ער זעט, אַז אַלעס זאָל זיין אין אָרדנונג.

מר. בליק איז געווען אויפ׳ן וועג אַהיים. ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער זען דעם לעקטשורער. אָבער ער האָט זיך אויפ׳ן וועג אָפּגעשטעלט מיט אַ פּאָר באַקאַנטע, זיי דערציילט, אַז ער אײַלט זיך אַהיים, וואו ער האָט אַ חשוב׳ען גאַסט, אַ גרויסע פּערזענליכקייט, איינעם פון די געלערנ־סטע מענשען און בעסטע לעקטשורערס, פון וועמעס מויל עס רעגענט תורה, חכמה און וויץ. דאָס האָט ער אַלעמען געזאָגט, כאָטש ער האָט דעם לעקטשורער קיינמאָל ניט געזען און ניט געהערט.

ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט ער געטראָפען דעם לעקטשורער זיצען ביים טיש, רויכערען אַ סיגאַרעטעל, טרינקען טיי און זאָגען וויצען. אַנטקעגען דעם לעקטשורער איז געזעסען זיין ווייבעל און זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. די באַקען האָבען געפלאַמט בייביידע.

— אָט דאָס איז מיין מאַן — האָט מרס. בליק אים פאַרגעשטעלט. אָבער מר. בליק האָט געפילט, אַז זי האָט אים ניט גענוג פריינדליך פאַרגעשטעלט. פאַר אַזאַ פּערזענליכקייט ווי ירוחם, דעם לעקטשורער,





האָט זי אים געדאַרפט בעסער פאַרשטעלען, ניט אַזוי שוואַך: „דאָס איז מיין מאַן!" און שוין.

מר. בליק האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש און אַ זאָג געטאָן צו זיין ווייבעל, מעשה באַלעבאָס: „גיב מיר אויך אַ גלעזעל טיי".

מרס. בליק האָט זיך געפילט באַליידיגט וואָס אין דער אַנוועזענהייט פון אַזאַ חשוב׳ען מענשען שאַפט ער זיך מיט איר ווי מיט אַ דינסט, האָט זי געענטפערט שטיל און ברוגז׳לעך: „נעם זיך אַליין".

מר. בליק האָט פאַרביסען די ליפּען, זיך אַליין אָנגעגאָסען טיי און זיך אַוועקגעזעצט טרינקען.

דער לעקטשורער האָט ווידער דערציילט אַ וויץ. מרס. בליק האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. מר. בליק האָט צוליב העפליכקייט אויך געמוזט לאַכען, כאָטש ס׳האָט אים געשטאָכען. ער האָט באַמערקט, ווי זיין ווייבעל הויבט אויף די אויגען, באַטראַכט דעם לעקטשורער, דערנאָך באַטראַכט זי מיט דיזעלבע אויגען אים, איר מאַן, און דערנאָך קוקט זי ווידער אויפ׳ן לעקטשורער און ער פילט ווי זי ציט אַ פאַרגלייך צווישען איר מאַן און דעם לעקטשורער און דער רעזולטאַט איז זיכער זייער ניט קיין גינסטיגער פאַר אים. ווי קען ער קאָנקורירען מיט אַ לעקטשורער? ניט ער האָט געלערענט און ניט ער האָט צייט צו לערנען. און יענער — אַזאַ גדול.

ער זעט נאָכאַנאַנד ווי זיין ווייבעל שלינגט די ווערטער פון דעם לעקטשורער און לאַכט מיט אַזאַ מין האַרציגקייט. ער האָט זי קיינמאָל ניט געזען אַזוי האַרציג לאַכען.

דער לעקטשורער, ירוחם, האָט זיך געפילט זעהר ערמוטיגט פון מרס. בליק׳ס פריינדליכקייט און איר ניט געזשאַלעוועט קיין קאָמפּלימענטען.

— וואָס וואָלטען אַקטריסעס, די גרעסטע סטאַרס, ניט געגעבען צו האָבען אַזעלכע אויגען ווי אייער ווייב — האָט דער לעקטשורער צו אים געזאָגט. — אייער ווייב׳ס אויגען זיינען פאַר דער בינע ווערט מיליאָנען. מיט אַזעלכע אויגען קען מען באַצויבערען אַ וועלט, מיט אַזעלכע אויגען...

נו, ווי קען ער קאָנקורירען מיט אַ לעקטשורער? — האָט מר. בליק געטראַכט. אים וואָלט אַזאַ קאָמפּלימענט גאָר ניט איינגעפאַלען. אויגען, סטאַרס, בינע, באַצויבערן אַ וועלט!

ער האָט געפילט ווי צו נעמען דעם לעקטשורער ירוחם און אים

דערוועגן. קיין סך וואָלט דאָס ניט געדויערט. ער איז אַ קליינינקער, אַ דאַרער. איין קוועטש און אויס לעקטשורער. אָבער ווען ער טראַכט זיך אַריין, איז דער ירוחם אין גאַנצען ניט שולדיג. זי זיצט אַנט־קעגען אים און גליעט אים דורך מיט אירע אויגען. אַן אַנדערער אויף זיין פּלאַץ וואָלט אפשר ניט בעסער געווען.

מר. בליק האָט געפילט, אַז ווען דער לעקטשורער וואָלט ביי אים געדאַרפט זיין נאָך עטליכע טעג, וואָלט ער זיך ניט געקענט קאָנטראָלירען. אָדער ער וואָלט זיך ערמאָרדעט אָדער דעם לעקטשורער. אָבער אַזוי ווי היינט אָווענט, נאָכ׳ן לעקטשור, פאָרט דער ירוחם צוריק קיין ניו־יאָרק, וועט ער שווייגען, ליידען און שווייגען.

אין אָווענט, מר. בליק, אַלס טשערמאַן, האָט פאָרגעשטעלט דעם לעקטשורער און אים געלויבט אָן אַ שיעור. וואָס אַרט אים? נאָכ׳ן לעק־טשור פאָרט דאָך יענער אַוועק.

נאָכ׳ן לעקטשור, ווען ירוחם האָט זיך געזעגענט מיט אַלעמען און דערלאַנגט די האַנט צו מרס. בליק, זאָגענדיג: „איך דאַנק אייך זעהר, מרס. בליק, פאַר אייער פריינדליכקייט, פאַר —” האָט מרס. בליק אים איבערגעשלאָגען און געזאָגט: „וואַרט, איר פאָרט נאָך ניט. ס׳רעגענט. מיין עצה איז, אַז איר זאָלט ביי מיר איבערנעכטיגען. מאָרגען גאַנץ פרי פאָרט אַן עקספּרעס־טריין קיין ניו יאָרק”.

— איז ווער קען אייך אָפּזאָגען? — האָט ירוחם געענטפערט מיט אַ גליקליכען שמייכעל.

מר. בליק איז געבליבען שטיין אָן לשון. וואָס האָט ער געקענט זאָגען? מען פרעגט אים דען?

ער איז צוזאַמען מיט׳ן לעקטשורער און מיט זיין ווייבעל געגאַנגען אַהיים. דער לעקטשורער און זיין ווייבעל האָבען גערעדט. זיי האָבען אַ סך צו רעדען און ער האָט זיך נאָכגעשלעפּט ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגען.

ביינאַכט האָט ער ניט געקענט שלאָפען. ער האָט אַלע מאָל געקוקט אויף זיין ווייבעל, צי זי רירט זיך ניט, צי זי טראַכט ניט וועגען לעקטשו־רער.

גאַנץ פרי האָט אים זיין ווייב אויפגעוועקט, אָפּצופירען מיט דער מאַשין ירוחם׳ן צום סטיישאַן. ער איז מיט פרייד אויפגעשטאַנען און מיט שמחה אַוועקגעפירט דעם לעקטשורער, ירוחמ׳ען, צו דער באַן.

מר. בליק איז צוריקגעקומען פון סטעישאַן אַ גליקליכער. „שוין, האָט ער געזאָגט, דער לעקטשורער איז אַוועקגעפאָרען”.



מרס. בליק האָט אָבער דעם לעקטשורער ניט געקענט פאַרגעסען. זי האָט נאָכאַנאַנד געקרעכצט, זיך באַקלאָגט, אַז עס טוט איר וויי דער קאָפּ, דאָס האַרץ. זי איז געגאַנגען צו דאָקטוירים. מען האָט ניט געקענט טרעפען וואָס איר פעלט. זי האָט ענדליך ערקלערט איר מאַן, אַז זי פאָרט קיין ניו יאָרק צו אַ דאָקטאָר אַ ספּעציאַליסט. דער מאַן האָט איינ־געשטימט. אַ ברירה האָט ער געהאַט?

ווען זי איז געקומען קיין ניו יאָרק האָט זי באַשלאָסען, אַז זי מוז באַזוכען ירוחם׳ן אין זיין היים. זי מוז זען וואָס פאַר אַ מין ווייב ער האָט. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז זיין ווייב מוז זיך פילען זעהר גליקליך וואָס זי האָט אַזאַ מאַן, זי גיט אים מסתמא אַ סך כבוד. אַליין מוז זי אויך ניט זיין אַבי ווער. מסתמא איז זי זעהר געבילדעט. אפשר לעקטשורט זי אַליין גאָר. זי מוז זיך באַקענען מיט זיין ווייב.

זי האָט טעלעפאָנירט צו דעם לעקטשורער ירוחם און אים ערקלערט, אַז זי וויל אים באַזוכען. ער האָט זיך אַביסעל געקווייקעלט. ער האָט זיך מיט איר געוואָלט טרעפען אין אַ רעסטאָראַן, אין אַ קאַפע־הויז, אָבער זי האָט זיך איינגע׳עקשנ׳ט, אַז זי וויל זיין ביי אים אין דער היים. זי מוז זיך באַקענען מיט זיין ווייב. דער לעקטשורער האָט ענדליך נאָכגעגעבען.

ווען זי איז אַריינגעקומען צו ירוחם׳ן אין הויז איז זי באַגעגענט געוואָרען פון אַ אידענע, וועלכע זי האָט געמיינט, אַז זי איז דעם לעקטשורער׳ס מאַמע, אָבער דאָס איז געווען זיין ווייב.

— מיין מאַן האָט מיר דערציילט וועגען אייך. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איר זייט די גרעסטע שיינהייט, — האָט זיין ווייב איר געזאָגט.

— ער האָט ליב צו איבערטרייבען, — האָט מרס. בליק געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— ניין. ער איז גלאַט ניט קיין מבין, — האָט מרס. ירוחם געזאָגט און געקוקט אויף איר האַלב אומצופרידען.

נאָכדעם ווי זי איז געזעסען אַ ווילע האָט מרס. ירוחם געזאָגט צו איר מאַן: — נו, ס׳איז דאָך דיין גאַסט. מאַך איר אַ גלעזעל טיי.

ער האָט געמאַכט טיי.

— נו, וואו דינען די לעפעלעך? — האָט מרס. ירוחם שטרענג געפרעגט, — יעדע זאַך דאַרף מען אים זאָגען עטליכע מאָל. ער טויג צו גאָר ניט.

— טויג ער דערפאַר צו אַנדערע זאַכען, — האָט מרס. בליק אים געפרואווט פאַרטיידיגען. — ער איז שוין איינמאָל אַ לעקטשורער.

— ער קען דאָס אויך ניט, — האָט מרס. ירוחם ערקלערט. — ער האַלט דעמזעלבען לעקטשור שוין די לעצטע 25 יאָר.

— וואָס רעדט איר! — האָט מרס. בליק געזאָגט. — זיינע וויצען זיינען דאָך אַ גוואַלד!

— יעדער וויץ זיינער איז עלטער פון אים, — האָט מרס. ירוחם ערקלערט.

— אָבער, דאַרלינג, מאַך מיר ניט קאַליע די פרנסה, — האָט ירוחם זיך געבעטען.

— אויך מיר אַ פרנסה, — האָט מרס. ירוחם געזאָגט. — מען קען דערפון בלויז גיין באַרוויס.

— איך בעט דיר, מאַך מיך ניט צו קליין געלט פאַר פרעמדע, — האָט ער זיך געבעטען.

— אַזוי! איך זאָל אָפּנאַרען מענשען! — האָט זי אויסגערופען. — איך האָב ליב צו זאָגען דעם אמת. הערט, ווען ער זעט עפּעס אַן אָנגעפוידערט יונג דאַמעלע, וויל ער פאַר איר פאַרלייקענען זיינע יאָרען און זיך מאַכען פאַר אַ גאַנצען קנאַקער. איך האָב ליב דעם אמת. ער איז גאָר־ניט ש׳בגאָר־ניט.

ווען מרס. בליק איז אַהיים געקומען האָט זי שוין מער ניט געקרעכצט. זי איז מער ניט געגאַנגען צו קיין דאָקטאָר. דער ניו יאָרקער „ספּעציאַליסט" האָט איר פולשטענדיג אויסקורירט.